**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/22/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער געזעץ צו באשיצן קאסטומערס פון פאטענציעלע פרי-פעיד גיפט קארד שווינדלער**

***געזעץ (A.266A/S.145B) פארלאנגט פון ביזנעסער ארויפצולייגן א מעלדונג צו באווארענען קאסטומערס וועגן גיפט קארד שווינדלער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן א געזעץ (A.266A/S.145B) וואס וועט באשיצן קאסטומערס פון שווינדלער דורך פארלאנגען בינעסער צו מעלדן וועגן פאטענציעלע שווינדלער ביים פארקויפן גיפט קארדס. די ביל שאצט אונטער גאווערנער האקול'ס צוזאג צו באשיצן ניו יארקער קעגן א פארעם פון גניבה וואס מאכט זיך מער און מער אפטער.

״דורכאויס די האלידעי סעזאן און דורכאויס די יאר, קומט זיך פאר קאסטומערס צו ווערן באשיצט פון שווינדלערייען וואס צילן זייער שווער פארדינטע געלט,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״דורכן אונטערשרייבן די געזעץ, נעמען מיר די נויטיגע שריט צו פארזיכערן אז ניו יארקער בלייבן וואכזאם און באשיצט פון שווינדלערישע פרואוון צו גנבנ'ען זייער געלט דורך גיפט קארדס.״

**געזעץ A.266A/S.145B** פאררירכט די אלגעמיינע ביזנעס געזעץ צו פארלאנגען אז ביזנעסער וואס פארקויפן גיפט קארדס זאלן אויך ארויפלייגן א מעלדונג צוווארענען קאסטומערס וועגן גיפט קארד שווינדלער און צושטעלן אינפארמאציע וואס צו טון אויב זיי האלטן אז זיי זענען מעגליך געפאלן א קרבן צו אזא שווינדל.

**סטעיט סענאטאר קעווין טאמאס האט געזאגט,** ״די פארמערטע נומער פון שווינדלער וואס נוצן גיפט קארדס צו גנבנ'ען פון קאסטומערס האלט אין איין שטייגן. איך דאנק גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן מיין געזעץ וואס פארלאנגט ביזנעסער צו אויפהענגען ווארענונגען אין די געשעפטן צו אויפמערקן קאסטומערס פון פאטענציעלע גיפט קארד שווינדלערייען. נעמען די דאזיגע שריט וועט ווארענען קאסטומערס איבער די פארשפרייטונג פון די שווינדלערייען, צושטעלן מער באשיצונג פאר ניו יארקער און שפארן פאטענציעלע קרבנות פון פינאנציעלע שווינדל.״

**אסעמבלי-מעמבער עמי פאולין האט געזאגט,** ״גיפט קארדס זענען א גרינגע וועג פאר שווינדלער צו גנבנ'ען פון מענטשן ווייל מען קען זיי נישט נאכגיין. אויסלערנען דורך ווארענען מענטשן פון די עקזיסטענץ פון די פראבלעם איז וויכטיג. פילע מענטשן ווייסן מעגליך נישט אז זיי קויפן גיפט קארדס לויט די ווילן פון שווינדלער. איך רעספעקטיר גאווערנער האקול פארן נעמען די שריט צו העלפן באשיצן ניו יארקער פון גיפט קארד שווינדלערייען.״

###

www.governor.ny.gov נאך נייעס קען מען באקומען ביי
518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov | ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער